# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי שמעיה לעוו שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## ויקהל - שקלים

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב׳קול הלשון׳
020 81917000
[ex3,1.11.1]

׳שגיאות מי יבין׳ - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו״ל למען יתוקן אי״ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד
054-8494370

# תוכן הענינים

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - חֵלֶק ב

הֲכָנָה צוּ דִי מִצְוָה אִיז גְרֶעסֶער וִוי דִי מִצְוָה ........ ד

זִיךְ גְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ........ ו

וִויאַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - הֲכָנָה רוּחָנִיּוּת ........ ו

גֶעדֶענְקֶען אַז הֲכָנָה הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר ........ ז

פְּרַאקְטִישֶׁע הֲכָנוֹת ........ ז

## דִי קְרִיאָה פוּן פָּרָשַׁת 'שְׁקָלִים'

מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל ........ ט

נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גַאנְצֶע זַאךְ וִוי אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ ........ י

אַלְס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים ........ יב

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים ........ יג

דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַחְאָב אוּן אִיזֶבֶל ........ יג

בִּשְׁעַת דִי קְרִיאָה - מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה ........ טו

# פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל - שְׁקָלִים

-א-

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ – חֵלֶק ב

☆ הֲכָנָה צוּ דִי מִצְוָה אִיז גְרֶעסֶער וִוי דִי מִצְוָה ☆ זִיךְ גְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ☆ וִויאַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - הֲכָנָה רוּחָנִיּוּת ☆ גֶעדֶענְקֶען אַז הֲכָנָה הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר ☆ פְּרַאקְטִישֶׁע הֲכָנוֹת

### הֲכָנָה צוּ דִי מִצְוָה אִיז גְרֶעסֶער וִוי דִי מִצְוָה

**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה וְגוֹ' שֵׁשֶׁת יָמִים וְגוֹ' וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ** (לה א)

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט וָואס וֶוערְט בְּרֵייט אַדוּרְךְ גֶערֶעדְט אִין דִי חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים וֶועגְן דֶער גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ גְרֵייטְן צוּ יֶעדֶע מִצְוָה מִיט אַ רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה, דֶער עִנְיָן וֶוערְט שׁוֹין דֶערְמַאנְט אִין רַמְבַּ"ן (ויקרא יח ד) וִוי עֶר שְׁרֵייבְּט **וְדַע כִּי חַיֵּי הָאָדָם בַּמִּצְוֹת - כְּפִי הֲכָנָתוֹ לָהֶם,** מֶען קֶען נִישְׁט אַרֵיינְפַאלְן אִין אַ מִצְוָה אָן זַיין צוּגֶעגְרֵייט, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ מִצְוָה, ווִיפוּל מֶער הֲכָנָה מֶען מַאכְט, אַלֶעס הֶעכֶער אִיז דִי מִצְוָה.

**עֶס** אִיז כְּדַאי צוּ אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן מְסִלַּת יְשָׁרִים (פרק יז) וִוי עֶר רֶעדְט פוּן דֶער עִנְיָן פוּן הֲכָנָה צוּ אַ מִצְוָה, וָואס פוּן דֶעם זֶעהן מִיר וָואס הֲכָנָה מֵיינְט, אוּן אַזוֹי שְׁרֵייבְּט עֶר: אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אַרֵיינְגֵיין צוּ אַ מִצְוָה **בְּפֶתַע פִּתְאוֹם** פְּלוּצְלִינְג, אִין אַ מַצָּב וָואס זַיין דַּעַת אִיז נִישְׁט גֶענוּג קְלָאר, נָאר עֶר זָאל זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי מִצְוָה מִיט מְתִינוּת אוּן הִתְבּוֹנְנוּת, אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן צוּ זַיין קְלָאר 1) וָואס גֵיי אִיךְ יֶעצְט טוּהְן[א] 2) אוּן פַאר וֶועמֶען טוּה אִיךְ עֶס.

**אוֹיף** דֶעם אוֹפֶן וֶועט זַיין לֵייכְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַוֶועקְצוּוַוארְפְן פוּן זִיךְ דִי פְּנִיּוּת אוּן פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָּנָה בֵּיי דִי מִצְוָה[ב].

---

**א.** מ'קען זיך אויך מתבונן זיין אין די גרויסע השפעה וואס יעדע מצוה האט אויף די נשמה, און ווי בשעת מ'טוט די מצוה לייכט די נשמה פון די איד מיט א מוראדיגע ליכטיקייט.

**ב.** לויט דעם מסילת ישרים איז דער ענין פון הכנה צו א מצוה אז מ'זאל טוהן די מצוה מיט

**דֶער** מְסִלַּת יְשָׁרִים בְּרֶענְגְט פוּן דִי מִשְׁנָה (ברכות ל:) אוּן גְּמָרָא (שם לב:) וְוי מִיר זֶעהן אַז דִי **חֲסִידִים הָרִאשׁוֹנִים הָיוּ שׁוֹהִים שָׁעָה אַחַת לִפְנֵי הַתְּפִלָּה**, דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּימְט אַ גַאנְצֶע שָׁעָה[ג] פַאְרן דַאוֶונֶען[ד], עֶס אִיז פָּשׁוּט – זָאגְט דֶער מְסִלַּת יְשָׁרִים – אַז אִין דִי שָׁעָה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט סְתָם מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי צֵייט, נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶוען וָואס זֵיי גֵייעֶן יֶעצְט טוּהְן 'זֵיי גֵייעֶן רֶעדְן צוּם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים', זֵיי גֵייעֶן אִים לוֹיבְּן, אוּן זֵיי גֵייעֶן בֶּעטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן אַוֶועגֶעשְׁטוּפְּט פוּן זִיךְ אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת[ה].

**וֶוען** דֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אוּן טְרַאכְט אַרֵיין אַז עֶר גֵייט יֶעצְט מְקַיֵּים זֵיין אַ מִצְוָה, דֶער מֶענְטְשׁ קְלֶערְט אַרֵיין דֶערִין טִיף, וֶוערְט עֶר אָנְגֶעפִילְט מִיט יִרְאָה אוּן אַהֲבָה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (איוב יא ג) אִם אַתָּה הֲכִינוֹתָ לִבֶּךְ – וּפָרַשְׂתָּ אֵלָיו כַּפֶּיךָ"[ו].

א גרעסערע ריינערע כוונה, עס איז באקאנט דער לשון הגמ' (סנהדרין ק"ו ע"ב): "הקב"ה ליבא בעי, דכתיב (שמואל א' ט"ז ז') וה' יראה ללבב" [אין ספרים ווערט עס געברענגט מיט דעם לשון "רחמנא ליבא בעי"], אז דער אייבערשטער וויל פון איד זיין ריינע הארץ און מחשבה ווען ער טוט א מצוה, ממילא איז זייער וויכטיג דער ענין פון זיך גרייטן צו א מצוה.

**ג.** עיין במג"א ריש סימן צ"ג בשם רבינו יונה דהאי שעה, שעה שלימה היא.

**ד.** די משנה זאגט דארט אז אויך נאכן דאווענען האבן די חסידים הראשונים געזוימט א שעה.

די בעלי מוסר זענען מסביר פארוואס פעלט אויס צוווארטן נאכן דאווענען, וויבאלד ביים דאווענען זענען זיי אנגעקומען צו גאר הויכע מדריגות, אזש זיי האבן ממש געשוועבט אין די הימלן, ממילא האט עס געדויערט נאכדעם צייט צו קענען צוריק קומען צום נארמאלע שטייגער.

[עס ווערט אויך געברענגט נאך א בחינה, אז פארן דאווענען איז דער חרישה – אקערן, דער עצם דאווענען איז זריעה – איינזייען, און נאכן דאווענען איז קצירה – שניידן, דאן שנייד מען די פירות פון דעם דאווענען].

**ה.** די חסידים הראשונים האבן זיך געגרייט א גאנצע שעה צו יעדע תפלה, און מיר אויף אונזער דרגא דארפן כאטשיג מאכן עפעס א הכנה צום דאווענען, מ'קען נישט אריינפאלן פון בעט גלייך צום דאווענען.

מיר דארפן געדענקען אונזערע זיידעס וואס ביי זיי איז נישט געווען קיין מציאות שבעולם גלייך פון בעט צום דאווענען נאר מ'האט זיך געגרייט א לענגערע צייט צום דאווענען.

**ו.** א שיינע ראיה צום באקאנטן מאמר העולם [עס שטייט אזוי פון צדיקים] אז **הכנה צו א מצוה איז גרעסער ווי דער מצוה אליין**, איז פון ניסוך המים, וואס מען האט געטאנצן א גאנצע נאכט און געפייערט שמחה אין בית המקדש אלס הכנה צום ענדע נאכט וואס דאן האט מען געגאסן די ניסוך המים.

### זיך גְרייטְן צום שַבָּת קוֹדֶשׁ

**דָאס** אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אִיז בְּנוֹגֵעַ הֲכָנָה צוּ אַלֶע מִצְוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען רֶעדְט וָואס עֶס אִיז נוֹגֵעַ שַבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז דֶער חִיּוּב פִּילְפַאכִיג מֶער וִויכְטִיג אוּן נוֹטִיג, וְוייַבּאלְד לְגַבֵּי שַבָּת קוֹדֶשׁ הָאט אוּנְז דִי תּוֹרָה בְּפֵרוּשׁ בַּאפוֹילְן (שמות טז ה) **וְהָיָה בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי וְהֵכִינוּ**, מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרייטְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, צוּם שַבָּת קוֹדֶשׁ, דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים טַייטְשְׁן דִי פָּסוּק (ויקרא יט ל) אַךְ אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ, תִּשְׁמֹרוּ – אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן וַוארְטְן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בראשית לז יא) וְאָבִיו 'שָׁמַר' אֶת הַדָּבָר, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן אַרוֹיסְקוּקְן מִיט פְרֵייד צוּם הֵיילִיגְן שַבָּת, וּכְפִי הֲכָנָתוֹ כָּךְ יְהֵא הַשָּׂגָתוֹ, אוּן לוֹיט וִויפִיל הֲכָנָה, אַזוֹי אִיז מֶען מַשִּׂיג.

**דִי** גְּמָרָא (ע"ז ג.) זָאגְט **מִי שֶׁטָּרַח בְּעֶרֶב שַׁבָּת יֹאכַל בְּשַׁבָּת**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ טוֹרֵחַ עֶרֶב שַבָּת אוּן עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּ פַאר שַבָּת, הָאט עֶר וָואס צוּ עֶסְן שַבָּת קוֹדֶשׁ. פְּשׁוּט מֵיינְט אַוַודַאי דִי גְּמָרָא בַּנוֹגֵעַ דִי מַאֲכְלֵי שַבָּת, אַז וְוייַבּאלְד שַבָּת קוֹדֶשׁ קֶען מֶען נִישְׁט קָאכְן אִיז אַלֶעס גֶעוָואנְדְן אִין דִי הֲכָנָה פוּן עֶרֶב שַבָּת קוֹדֶשׁ.

**אָבֶער** דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זָאגְן אַז חֲזַ"ל זֶענֶען דָא מְרַמֵּז אִין רוּחָנִיּוּת אוֹיךְ, **מִי שֶׁטָּרַח בְּעֶרֶב שַׁבָּת** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מַטְרִיחַ 'מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת'[ז], עֶר גְרֵייט זִיךְ אוּן עֶר הֵיילִיגְט זִיךְ פַאר שַבָּת קוֹדֶשׁ, **יֹאכַל בְּשַׁבָּת** וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז אִין שַבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט עֶר שְׁפִּירְן אַ טַעַם דֶערִין.

**לָאמִיר** זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין, שַבָּת קוֹדֶשׁ אִיז אַ מַתָּנָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט אוּנְז (שבת י:), אַ מַתָּנָה דַארְף אַ כְּלִי וואוּ מְ'זָאל אַרֵיינְלֵייגְן דִי מַתָּנָה, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז ח"ו נִישְׁט רֵיין, עֶר אִיז נִישְׁט קֵיין רֵיינֶע כְּלִי, קוּמְט דֶער שַבָּת אָן אִין אַזַא פְּלַאץ וָואס אִיז נִישְׁט רֵיין, הָאט עֶס דָאךְ נִישְׁט קֵיין פָּנִים, אָבֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ רֵיינִיגְט זִיךְ פַאר שַבָּת, דַאן הָאט דֶער שַבָּת אַ רֵיינֶע פְּלַאץ.

### וְויאַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ שַבָּת קוֹדֶשׁ - הֲכָנָה רוּחָנִיּוּת

**אַ** חֵלֶק פוּן דִי מִצְוָה פוּן הֲכָנָה צוּ שַבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז זִיךְ צוּגְרֵייטֶען צוּם שַבָּת בְּרוּחָנִיּוּת, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַבָּת קוֹדֶשׁ. דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה (סימן ר"נ סק"ג) שְׁרֵייבְּט, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מְהַרְהֵר זַיין בִּתְשׁוּבָה אוּן מְפַשְׁפֵּשׁ זַיין אִין זַיינֶע מַעֲשִׂים עֶרֶב שַבָּת, ווַייל שַבָּת הֵייסְט "כַּלָּה מַלְכְּתָא" קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז קַבָּלַת שַבָּת אִיז אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אַ קֶענִיג, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין צוּ מְקַבֵּל זַיין אַ קֶענִיג מִיט נִישְׁט רֵיינֶע מַלְבּוּשִׁים פוּן עֲבֵירוֹת.

**חֲסִידִישֶׁע** אִידְן גְרֵייטְן זִיךְ צוּם שַבָּת קוֹדֶשׁ מִיט לֶערְנֶען אַ חֲסִידִישׁ סֵפֶר וָואס אִיז מְעוֹרֵר אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ טַעַם רוּחָנִי צוּ קְדֻשַּׁת הַשַּׁבָּת, וֶוען מֶען קוּמְט אַרֵיין שַבָּת פַארְנַאכְטְס צוּם דַאוְונֶען אִין בֵּיהמ"ד דַארְף מֶען עֶקְסְטֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְשְׁמוּעסְן נָאר עוֹסֵק זַיין וִוי אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה,

---

**ז.** עס שטייט נישט מי שהכין עצמו, נאר מי **שטרח**, מיט מיה און פלאג.

דער זאָגט שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט אַהתְלַהֲבוּת, דער לֶערְנְט אַ חֲסִידִישֶׁע סֵפֶר, און דֶער אַנְדֶערֶע קָאכְט זִיךְ מִיט אַ תְּהִלִּים, הַצַּד הַשָּׁוֶה שֶׁבָּהֶם אַז יֶעדֶער אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט אֵיין זַאךְ, זִיךְ גְרֵייטְן צוּ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער בְּרִיסְקֶער רָב זי"ע אִיז גֶעזֶעסְן עֶרֶב שַׁבָּת פַּאר נַאכְטְס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הֲכָנָה און כֹּבֶד רֹאשׁ צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַמֶּלֶךְ, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין רַמְבַּ"ם (פרק ל) אַז מְ'זִיצְט בְּכֹבֶד רֹאשׁ וַוארְטְנְדִיג צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשַּׁבָּת אַזוֹי ווִי מְ'גֵייט קֶעגְן אַ מֶלֶךְ.

**דֶער** בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּחִינָה (תולדות יעקב יוסף בסופו), אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין חֲזַ"ל (כתובות קג.) "מֵת בְּעֶרֶב שַׁבָּת סִימָן יָפֶה לוֹ" אוֹיב אֵיינֶער שְׁטַארְבְּט עֶרֶב שַׁבָּת אִיז עֶס אַ גוּטֶע סִימָן, פְּרֶעגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּפְשְׁטוּת ווִילְן חֲזַ"ל אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס צוּ טוּהְן צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר, אָבֶער וָואסְפַארַא עֵצָה אִיז דָאס, מְ'קֶען דָאךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקְלוֹיבְּן וֶוען צוּ שְׁטַארְבְּן?

**זָאגְט** דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז דִי כַּוָּנָה פוּן חֲזַ"ל אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף מְקַיֵּים זַיין יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת "מֵת בְּעֶרֶב שַׁבָּת", דָאס מֵיינְט עֶר זָאל אִיבֶּערְלָאזְן אַלֶע הַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה **כְּאִלּוּ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן**, כְּדֵי צוּ מַאכְן דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה פַאר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, און וֶוער עֶס פִּירְט זִיךְ אַזוֹי עֶר וֶוערְט טַאקֶע גֶערַאטֶעוֶועט פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר.

## גֶעדֶענְקֶען אַז הֲכָנָה הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר

**אֲפִלּוּ** ווען מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ מִיט אַן הֲכָנָה דְּרַבָּה ווִי סְ'פַּאסְט זִיךְ, זָאל מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גְרֵייט צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶער גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם שַׁבָּת, ווייל צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע מַתָּנָה טוֹבָה, וָואס אוּנְז זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קְרִיגְן יֶעדֶע וָואךְ פוּן השי"ת אוֹצָר, טְרָאץ דִי אַלֶע צוּגְרֵייטוּנְגֶען, זֶענֶען מִיר נָאךְ ווייט אַוֶועק פוּן צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם רִיכְטִיגְן מַתָּנָה, **וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ יֶעדְן טָאג עֶקְסְטֶער אַרֵיין טְרַאכְטְן און אַרוֹיסְקוּקְן ווארְטְן מִיט גְלוּסְטֶענִישׁ, וֶוען דִי שַׁבָּת גֵייט קוּמֶען.**

## פְּרַאקְטִישֶׁע הֲכָנוֹת

**עֶס** אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע מַדְרֵגוֹת בְּנוֹגֵעַ זִיךְ גְרֵייטְן פַאר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דִי גְּמָרָא (ביצה טז.) פַארְצֵיילְט אַז בֵּית שַׁמַּאי הָאט אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶעלֶעבְּט מִיט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶע בְּהֵמָה אִינְמִיטְן דִי וָואךְ הָאט עֶר עֶס אַוֶועק גֶעלֵייגְט פַאר שַׁבָּת, שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן וָואךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן נָאךְ אַ שֶׁענֶערֶע בְּהֵמָה הָאט עֶר דָאס אַוֶועק גֶעלֵייגְט פַאר שַׁבָּת, און דִי פְרִיעֶדִיגֶע בְּהֵמָה הָאט עֶר אוֹיפְגֶעגֶעסְן, און אַזוֹי ווייטֶער[ח].

---

**ח.** אין די פוסקים ווערט געברענגט אז אין די הלכה פסקנט מען ווי בית שמאי.

הרה"ק רבי איציקעל מפשעווארסק זי"ע איז געווען באקאנט מיט זיין גרויסע השתוקקות פאר שבת קודש.

**און** עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז רַשִ"י הַקָדוֹשׁ טֵייטְשְׁט אַזוֹי דֶער פָּסוּק (שמות כ ח) "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ", **תְּנוּ לֵב לִזְכֹּר תָּמִיד אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת**, דָאס מֵיינְט אַז מְ'זָאל פוּן זוּנְטָאג אָן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

**און** צוּגָאבּ צוּם דִי הֲכָנָה פוּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אִיז דָא דִי פָּשׁוּטֶע הֲכָנָה וָואס דִי פּוֹסְקִים שְׁרֵייבְּן, אַז מֶען זָאל פָּשׁוּט בְּפוֹעֵל עוֹסֵק זַיין אִין טוּהְן פַאר שַׁבָּת, ווִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין טוּר (או"ח סימן רנ) "וְיַשְׁכִּים בַּבֹּקֶר בְּיוֹם ו' לְהָכִין צָרְכֵי שַׁבָּת, דִּכְתִיב (שמות טז ה) 'וְהָיָה בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי וְהֵכִינוּ' וְכוּ'. **וְאַף אִם יֵשׁ לוֹ כַּמָּה עֲבָדִים לְשַׁמְּשׁוֹ, יִשְׁתַּדֵּל בְּעַצְמוֹ לְהָכִין שׁוּם דָּבָר לְצָרְכֵי שַׁבָּת כְּדֵי לְכַבְּדוֹ**", עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער צוּ אַלֵיין אָנְגְרֵייטְן עֶפֶּעס פַאר שַׁבָּת, אוּן דִי גְמָרָא (שבת קיט.) רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶעס וָואס דִי אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעטוּהְן לִכְבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ[ט].

**דִי** פּוֹסְקִים (מג"א סימן רנ סק"א) שְׁרֵייבְּן אוֹיךְ אַז וֶוען מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הֲכָנָה פַאר שַׁבָּת, זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל "לִכְבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ", דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל שְׁרֵייבְּט אַז דוּרְךְ דֶעם דִּבּוּר אִיז חַל דִי קְדֻשַּׁת שַׁבָּת אוֹיף דִי זַאךְ וָואס מְ'קוֹיפְט, ווייל דֶער דִּבּוּר אִיז נִישְׁט סְתָם אַ זַאךְ.

**נִישְׁט** נָאר בֵּיים אֵיינְקוֹיפְן לִכְבוֹד שַׁבָּת דַארְף מֶען אַרוֹיסְזָאגְן לִכְבוֹד שַׁבָּת

---

אמאל איז געקומען דער חסיד ידוע ר' שאול הוטטערער ז"ל צו רבי איציקעל ווען שמחת תורה איז געפאלען פרייטיג, און ער האט געברענגט א שיינע טארט לכבוד יום טוב, רבי איציקעל באטראכט מיט הנאה דעם שיינע טארט און רופט זיך אן "אזא שיינע טארט, כ'מיין מ'זאל עס אוועקלייגן פאר שבת" [עס האט גאנץ ווייניג געשמעקט פאר ר' שאול, אבער א ברירה האט ער געהאט?].

**ט.** עס איז מפורסם די מעשה אויף דער טאטע פון רמ"א ר' ישראל איסרליש וואס ער האט זוכה געווען צו א זון וואס איז מאיר לארץ ולדרים, דער ריכטיגע רבן של כל בני הגולה, דער רמ"א, און דאס אלעס האט ער זוכה געווען בזכות הכנה פאר שבת קודש [מיר ברענגען דא די מעשה אזוי ווי עס ווערט געשריבן אין ספר רחמי האב].

דער מנהג פון דער רמ"א'ס טאטע איז געווען אז ערב שבת ביי חצות היום האט ער פארמאכט זיין געשעפט, אפילו עס איז נאך געווען גענוג שעות ביז שבת, זאל זיין וואס עס זאל זיין.

איינמאל האט דער שטן מקנא געווען אין אים, איז ער געקומען פארשטעלט ווי א סוחר, און ער האט אנגעהויבען אוועקלייגען אסאך סחורה וואס ער וויל קויפן, אבער ער האט נאך נישט געמאסטן די פונקטליכע מאס, און אזוי ארום איז געווארן חצות היום און רבי איסר האט געזאגט פארן סוחר אז ער מאכט יעצט צו דער געשעפט. דער 'סוחר' האט זיך געבעטן ביי אים אז ער וויל קויפן די סחורה, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. רבי איסר האט געהאט שאדן א פארמעגן מיט געלט. אבער טאקע דערפאר האט ער זוכה געווען צו א זון וואס האט באלאכטן דער וועלט, דער הייליגע רמ"א!

אסאך אידן זוכן סגולות אויף גוטע קינדער, דא האבן מיר די סגולה, הכנה אויף שבת קודש!

קוֹדֶשׁ, נָאר מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מ'טוּט פַאר שַׁבָּת, מְסַדֵּר זַיין דִי שְׁטוּבּ, וַואשְׁן דֶער גוּף, טוֹישְׁן דִי מַלְבּוּשִׁים, אַלֶעס דַארְף מֶען אַרוֹיס זָאגְן "לִכְבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ."

**וָוען** מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּם שַׁבָּת זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען דֶער וִויכְטִיגְקֵייט אוּן דֶער גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת וָואס לִיגְט דֶערִין, אוּן דוּרְךְ דִי טִירְחָא וָואס אִידְן זֶענֶען זִיךְ טוֹרֵחַ צוּלִיבּ דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זָאל פַארגֶעבְּן וֶוערְן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער חִידָ"א (מורה באצבע אות קלד) שְׁרַייבְּט בְּשֵׁם דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ: דֶער וָואס אִיז טוֹרֵחַ בְּצָרְכֵי שַׁבָּת מִיט אַ שִׂמְחָה, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

-ב-

# דִי קְרִיאָה פוּן פָּרָשַׁת 'שְׁקָלִים'

☆ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל ☆ נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גַאנְצֶע זַאךְ וִוי אַ צוּבְּרָאכְן הַארץ ☆ אַלְס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים ☆ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים ☆ דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַחְאָב אוּן אִיזֶבֶל ☆ בִּשְׁעַת דִי קְרִיאָה - מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה

### מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל

**דִי** וָואךְ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת שְׁקָלִים, צוּלִיבּ וָואס מֶען לֵיינְט פָּרָשַׁת 'שְׁקָלִים', אִיז דִי פַּאסִיגֶע פְּלַאץ צוּ דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן דֶער תּוֹכֶן פוּן דִי קְרִיאָה פוּן 'שְׁקָלִים'.[י]

**דִי** חַכְמֵי הַדּוֹר הָאבְּן צוּגֶעלֵייגְט פִיר קְרִיאוֹת צוּ דִי תּוֹרָה, 'שְׁקָלִים זָכוֹר פָּרָה אוּן הַחֹדֶשׁ'. לָאמִיר לֶערְנֶען אוּן אַרֵיין בְּלִיקְן אִין דִי תּוֹכֶן פוּן פָּרָשַׁת שְׁקָלִים.

**דִי** מִצְוָה פוּן שְׁקָלִים אִיז, אַז יֶעדֶע יָאר אִין דִי צַייט [חֹדֶשׁ אֲדָר] הָאט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען טִישְׁלֶער אִין אַלֶע שְׁטֶעט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ מֶען הָאט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ

**י.** **הרה"ק ר' פנחס קאריצער זי"ע פלעגט שטענדיג זאגן איך ווארט שוין אויף שבת שקלים, איך וויל זיך שוין טרעפן מיט די פיר פרשיות, איך וויל זיך שוין טרעפן מיטן אייבירשטן!**

עס שטייט אין קדשת לוי, אז די ד' פרשיות זענען אנטקעגן די ד' אותיות הקדושים פון דעם שם הוי"ה, און שבת שקלים איז אנטקעגן די לעצטע אות ה"א.

גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פּוּשְׁקֶע אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּן מִיט דִי גֶעלְט פוּן דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל הָאט מֶען גֶענוּצְט פַאר קָרְבָּנוֹת הַתְּמִידִים, [יֶעדְן טָאג הָאט מֶען מַקְרִיב גֶעוֶועהן אַ תָּמִיד אִינְדֶערפְרִי אוּן נָאךְ אֵיינֶע נָאכְמִיטָאג]. יֶעדֶע אִיד הָאט גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דִי קָרְבָּנוֹת הַתְּמִידִים.[יא]

**יֶעדֶע** יָאר הָאט מֶען גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען דִי תְּמִידִים מִיט דִי נַייעֶ גֶעלְט פוּן דִי יָאר, אוּן מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען פוּן גֶעלְט וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן פוּן אַ פְרִיעֶרְדִיגֶע יָאר, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כח יד): "זֹאת עֹלַת חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ", אוּן דִי גְּמָרָא טַייטְשְׁט (מְגִלָּה כט ב): **חַדֵּשׁ וְהָבֵא**, אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי קָרְבָּנוֹת צִבּוּר פוּן דִי נַייעֶ גֶעלְט.

**פוּן** רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן הָאט מֶען שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט דִי קָרְבָּנוֹת פוּן דִי נַייעֶ גֶעלְט, אוּן מִמֵּילָא הָאט מֶען שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶערְמַאנֶען דִי אִידְן אִיבֶּער דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, פוּן רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר (גְּמָרָא הנ"ל). וָואס הָאט מֶען גֶעטוּען מִיט דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע פוּן דִי גֶעלְט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן? מֶען הָאט עֶס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט פַאר 'בֶּדֶק הַבַּיִת' - אוֹיבּ מֶען הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פַארֶעכְטְן אִין דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט מֶען עֶס פַארְרָאכְטְן מִיט דִי גֶעלְט.

**אוּן** מִמֵּילָא הָאבְּן דִי חֲכָמִים מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן פַאר רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר זָאל מֶען לֵיינֶען פָּרָשַׁת שְׁקָלִים.[יב]

## נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גַאנְצֶע זַאךְ ווִי אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ

**דֶער** מִצְוָה אִיז צוּ בְּרֶענְגְן גֶענוֹי אַ "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל" - אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל, פַארְוָואס דַוְקָא אַ הַאלְבֶּע?

**עֶס** שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (יִתְרוֹ פו) אַז דִי בְּחִינָה פוּן **'צְלוֹתָא דְעָנִי'** אַ גֶעבֶּעט פוּן אַן אָרִימַאן אִיז גְרֶעסֶער ווִי דִי בְּחִינָה פוּן **'תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה'** ווִי וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט גֶעבֶּעטְן.

**דִי** פְּשָׁט פוּן דֶעם אִיז, אַז אִין תְּהִלִּים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט צְווֵיי סָארְטְן תְּפִלּוֹת, סְ'דָא - אֲזוֹי ווִי דָּוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעהְט אִין תְּהִלִּים (פֶּרֶק קב) - **"תְּפִלָּה לְעָנִי** אַ תְּפִלָּה פַאר אַן אָרִימַאן **כִּי יַעֲטֹף** וֶוען עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ צָרָה. אוּן דִי גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אִיז אַ תְּפִלָּה, ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעהְט זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער אֲזוֹי ווִי אַן אָרִימַאן וָואס אִיז אִין אַ צָרָה. 'תְּפִלָּה לְעָנִי' דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר

---

**יא.** אין א יאר וואס עס געפאלט צוויי חדשים אדר אזוי ווי היי-יאר, האט מען אנגעהויבן צאם-נעמען נר פון די צווייטע אדר, ווייל זעכציג טעג פאר ניסן איז צולאנג פאר מענטשען צו געדענקען, און מען האט עס נאר געדארפט פאר חודש ניסן, ממילא האט מען אנגעהויבן צאמנעמען די שקלים חודש אדר ב' (ירושלמי שקלים א הלכה א).

**יב.** דער חיד"א ברענגט אראפ פון ר' יהודה החסיד, אז די קריאה פון שקלים איז א דאורייתא – א הלכה למשה מסיני [ס'איז א שיטה יחידאה וואס מען פסקנ'ט נישט אזוי].

הָאט גָארְנִישְׁט און עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, אֲזוֹי ווִי אַן אָרִימַאן.

**און** עֶס אִיז אוֹיךְ דָא דִי תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה (תְּהִלִּים פֶּרֶק צ) "**תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה** אַ תְּפִלָּה פַאר מֹשֶׁה רַבֵּנוּ **אִישׁ הָאֱלֹקִים** דֶער גָ-טְלִיכֶער מַאן **וְגוֹ'**". און דִי גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אִיז אַ תְּפִלָּה, ווִי דָּוִד הַמֶּלֶךְ דַאווְענְט מִיט גְרוֹיסֶע כַּוָּנוֹת און הַשָּׂגוֹת, און עֶר רֶעדְט אַרוּם פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער. אֲזוֹי ווִי ווֶען אַ מֶענְטְשׁ דַאווְענְט מִיט אַ דְּבֵקוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אֲזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ווָאס אִיז גֶעווֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אֲזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט "פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֵּר בּוֹ".

**זָאגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דִי **תְּפִלָּה לְעָנִי** דִי תְּפִלָּה ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי אַן עָנִי, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט ווֶערְד, אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַ **תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה** כָּאטְשׁ ס'אִיז מִיט מֶער דְּבֵקוּת און הַשָּׂגָה, ווִיבַּאלְד אַ צוּבְרָאכְן הַארְץ אִיז חָשׁוּבֶער פוּן אַלֶעם, קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב![יג]

**נָאךְ** שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בָּלָק קצה א): אַז ווֶען דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מַשִּׂיג גֶעווֶען דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי תְּפִלָּה פוּן אַן אָרִימַאן, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּען זֵיינֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער און עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דִי עֶרְד אֲזוֹי ווִי אַן אָרִימַאן, און אֲזוֹי הָאט עֶר גֶעדַאווְענְט. און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "**עֲנֵנִי** עֶנְטְפֶער מִיר **כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי** ווַייל אִיךְ בִּין אַן אָרִימַאן" (תְּהִלִּים פו א), אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן ווַייל עֶר אִיז אַן אָרִימַאן. הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אִים גֶעפְרֶעגְט "דָּוִד, בִּיסְטוּ דֶען נִישְׁט אַ קֶענִיג, ווָאס גֶעווֶעלְטִיגְט אוֹיף שְׁטַארְקֶע קֶענִיגְן? און דוּ מַאכְסְט זִיךְ פַאר אַן אָרִימַאן". הָאט דָּוִד הַמֶּלֶךְ צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "**שָׁמְרָה נַפְשִׁי** הִיט אָפּ מֵיין זֶעהְל **כִּי חָסִיד אָנִי** ווַייל אִיךְ בִּין אַ חָסִיד".

**פְרֶעגְט** אוֹיף דֶעם הרה"ק ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער זי"ע, ווָאס אִיז דָא גֶעווֶען דֶער שְׁאֵלָה וּתְשׁוּבָה, דִי קַשְׁיָא כִּבְיָכוֹל פוּן השי"ת אִיז דָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, ווָאס אִיז דָאס '**כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן עָנִי**' דָּוִד הַמֶּלֶךְ ווֵייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶר אִיז דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן, און אַז אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל גֵייט דוּרְךְ אִים? און ווָאס אִיז דָאס ווָאס עֶר עֶנְטְפֶערְט **כִּי חָסִיד אָנִי**, ווִי לִיגְט דָא דֶער תֵּרוּץ?

**און** עֶר עֶנְטְפֶערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד, מִיט דֶעם ווָאס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זיע"א הָאט גֶעזָאגְט "ווֶען אַ אִיד זִיצְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, און עֶס לִיגְט עֶסְן אוֹיפְן טִישׁ, מֵיינְט דָאס נָאכְנִישְׁט אַז עֶר ווֶעט קֶענֶען עֶסְן פוּן דֶעם. ווַייל בִּיז השי"ת גֶעבְּט רְשׁוּת צוּ עֶסְן, קֶען מֶען נִישְׁט עֶסְן". **קוּמְט אוֹיס אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶער עֹשֶׁר, דָאךְ אִיז עֶר אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן, בִּיז ווִילַאנְג השי"ת אִיז נִישְׁט גּוֹזֵר אַז עֶר זָאל קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין פַארְמֶעגְן!**

**און אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאס גֶעדֶענְקֶען שְׁטֶענְדִיג און דַאנְקֶען השי"ת אוֹיף דֶעם ווָאס עֶר קֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין פַארְמֶעגְן** - עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר פִיל

[יג] דער צאנזער רב זי"ע "ער האט נישט מורא פון קיין מלאכים שרפים ואופנים וכו', נאר פון איין זאך ציטערט ער, פון א קרעכטץ פון א צובראכן הארץ"!

מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער דֶער דָאקְטָאר לָאזְט זֵיי נִישְׁט עֶסְן גֶעווִיסֶע זַאכְן. אַ סַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט עָגְמַת נֶפֶשׁ וָואס הַאלְט זֵיי צוּרִיק פוּן צוּ קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זֵייעֶר פַארְמֶעגְן. **און אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּ עֶסְן און עֶר הָאט אַפֶּעטִיט און עֶר אִיז גֶעזוּנְט, דַארְף עֶר עֶקְסְטֶער דַאנְקֶען השי"ת פַאר דֶעם, און עֶר זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט אִיז עֶר שׁוֹין פַארְזִיכֶערְט**[יד].

**דָאס** הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ פַארְשְׁטַאנֶען, אַז כָאטְש וָואס עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל, און טְרָאץ זַיין שְׁטַארְקַייט און רַייכְטוּם, אִיז עֶר אָבֶּער אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן, וַוייל עֶר דַארְף צוּקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף צוּ קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן און זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאנוּצֶען מִיט זַיין רַייכְטוּם, און דָאס הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען השי"ת הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַן עָנִי, "**אִיךְ בִּין אַ חָסִיד!" און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דִי גֶעלְט אִיז נִישְׁט מַיינְס, און אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּרִירְן צוּ דִי אַלֶע נְכָסִים אָן דֶעם וָואס דוּ זָאלְסְט מִיר עֶרְמֶעגְלִיכְן דֶערְצוּ!**

## אַלְס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים

**און** אַזוֹי זֶעהְן מִיר טַאקֶע אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ'ס

---

**יד.** א מענטש קען האבן עשירות אזוי ווי קרח און ער קען עס פארלירן אין איין טאג. אמאל קען די געלט ווערן פארלוירן פון אים, און אמאל קען ער ווערן פארלוירן פון די געלט. אזוי ווי ס'ווערט דערציילט, אז א איד איז אמאל געקומען צום חפץ חיים, און ער האט זיך באקלאגט אז ער האט פראבלעמען אין אמונה. האט דער חפץ חיים אים געפרעגט: וואס איז די פראבלעם? האט דער איד געענטפערט: איך האב ב"ה אסאך געלט און נכסים, און עס איז מיר שווער צו גלייבן אז השי"ת קען אין איין רגע צונעמען פון מיר מיין גאנצע פארמעגן, ער וועט ממש דארפן איבערקערן א האלבע וועלט כדי צו צונעמען פון מיר מיינע אלע נכסים. האט דער הייליגער חפץ חיים אים געענטפערט: **דער רבש"ע דארף נישט אוועקנעמען דיין פארמעגן פון דיר, ער קען דיר אוועקנעמען פון דיין פארמעגן... דער רבש"ע געבט דיר לעבן און געזונט און פרייהייט יעדע רגע.** אסאך אידן האבן געהאט אסאך געלט און זיי זענען געבליבן מיט א קליין שטח פון דריי אמות ביי איין אמה, מיט ווייסע קליידער...

א עקסטרע זכות דארף מען האבן צו קענען עסן. חלילה א שלעכטע בשורה קען אוועק נעמען די גאנצע אפעטיט פון עסן. צדיקים האבן נישט געקענט עסן אפילו צוליב א צרה פון א פרעמדן מענטש – הרה"ק רבי איציקל פשעווארסקער זי"ע האט זיך אמאל געזעצט עסן שפעט נאכמיטאג, נאך וואס ער האט נישט געגעסן א גאנצן טאג. גלייך ווי ער האט זיך געוואלט וואשן, איז א איד אריינגעקומען און ער האט אנגעפאנגען אויסגיסן זיין הארץ איבער זיין ביטערע מצב, און ער האט אויפגעהאלטן דעם רבי'ן פאר א לענגערע צייט. ווען ער האט געענדיגט האט רבי איציקל זי"ע גלייך אוועקגעלייגט די טעפל און די האנטוך, און ער האט ארויסגענומען דעם תהלים'ל און אנגעפאנגען צו זאגן תהלים. און די גבאים האבן זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל זיך קודם וואשן ווייל ער האט נאכנישט געגעסן יענעם טאג. אבער רבי

פְּטִירָה אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, פַּארְצֵיילְט דִי גְמָרָא (שבת ל.) אַז דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן נָאךְ אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶעבְּן בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט פַאר שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ צוּ קֶענִיגְן.

**אוּן דָאס אִיז טַאקֶע דִי יְסוֹד פוּן חֲסִידוּת, צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אַלְס אִיז פוּן הַשי"ת, בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִית. אוּן אוֹיבּ אַלְס אִיז פוּן אִים, אִיז גָארְנִישְׁט מַיינְס.**

**אוּן** מִיט דֶעם אִיז הרה"ק ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער זיע"א מַסְבִּיר דִי עִנְיָן פוּן מַחֲצִית הַשֶׁקֶל, אַז דָאס קוּמְט צוּ וַוייזְן אַז וָואס מֶען זָאל נָאר הָאבְּן, אִיז נָאר אַ הַאלְבּ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אֵייבִּיג צוּקוּמֶען צוּ דִי בְּרָכָה פוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער צוּ קֶענֶען נֶהֱנֶה זַיין פוּן דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט, קֵיינְמָאל אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַ מַצָּב וָואס עֶפֶּעס אִיז אִינְגַאנְצְן אִין זַיינֶע הֶענְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אֵייבִּיג צוּ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט יָא. אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ טוּט בַּאקוּמֶען דָאס אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, וֶוערְט עֶר אַזוֹי בְּשִׂמְחָה אוּן עֶר לֶעבְּט מִיט צוּפְרִידְנְקֵייט אוּן עֶר אִיז דַאנְקְבַּאר צוּ השי"ת אוֹיף אַלֶעס.

## דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים

**מִיט** דֶעם פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר אוֹיךְ דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין שְׂפַת אֱמֶת: '**מִשֶׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה**', זָאגְט דֶער שְׂפַת אֱמֶת, וָואס אִיז דִי שִׂמְחָה? דָאס וָואס מֶען הָאט רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענְגְן דִי שְׁקָלִים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר דִי אִידְן נָאךְ אַזַא פְרֵיילִיכֶע צַייט וִוי וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַחֲצִית הַשֶׁקֶל, אַז מֶען זָאל קֶענֶען קוֹיפְן אוּן מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת.

## דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַחְאָב אוּן אִיזֶבֶל

**דִי** פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט דִי וָואךְ בַּיי דִי הַפְטוֹרָה, אוּן בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי מָעֳמָד פוּן בְּרֶענְגֶען דִי שְׁקָלִים.[טו]

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וָואס הָאט גֶעהֵייסְן 'אַחְאָב בֶּן עָמְרִי' אוּן זַיין פְּרוֹי הָאט גֶעהֵייסְן 'אִיזֶבֶל', אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה. אוּן 'יְהוֹשָׁפָט' דֶער מֶלֶךְ יְהוּדָה [וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק] הָאט זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען מִיט אַחְאָב, - 'יְהוֹרָם' דֶער זוּן פוּן יְהוֹשָׁפָט הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט 'עֲתַלְיָהוּ' דִי טָאכְטֶער פוּן אַחְאָב - [עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז דִי אִיז גֶעוֶוען זַיין שְׁוֶועסְטֶער דִי טָאכְטֶער פוּן זַיין טַאטֶע עָמְרִי].

---

איציק'ל האט געענטפערט: איך קען נישט עסן נאכן הערן א איד'ס ווייטאג. נישט פאר דעם בין איך א רבי, אז איך זאל זיך זעצן עסן נאכן הערן די צער פון א איד!

**טו.** דרך אגב איז וויכטיג צו וויסן, אז עס איז דא א חיוב צו לערנען די הפטורה, פונקט ווי עס איז דא א מצווה צו לערנען חומש מיט רש"י, און אויב פעלט דאס אויס – אביסל נאכקוקן די פשט. און זאגן די הפטורה, איז א מצווה דרבנן פונקט ווי עסן מצה די צווייטע נאכט פסח אדער שאקלען לולב פון די צווייטע טאג סוכות און ווייטער.

**וָוען** יְהוֹשָׁפָט אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן הָאט יְהוֹרָם אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מַלְכוּת יְהוּדָה, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהַרְגֶעט זַיינֶע בְּרוּדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעפִירְט דִי אִידְן אִין שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, וֶוערְנְדִיג נָאךְ גֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זַיין שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי דִי טָאכְטֶער פוּן אַחְאָב. אוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צוּ יְהוֹרָם [שׁוֹין נָאךְ וָואס אֵלִיָּהוּ אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל] אַז צוּלִיב זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וֶועט השי"ת אוֹיסְ'הַרְגְ'נֶען זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן עֶר אַלֵיין וֶועט שְׁטַארְבְּן מִיט בִּיטֶערֶע קְרֶענְק.

**אַזוֹי** אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז דִי פְּלִשְׁתִּים אוּן דִי אַרַאבֶּער וָואס וואוֹינֶען נֶעבְּן אַפְרִיקֶע הָאבְּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט אִים אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעהַרְגֶעט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן עֶר אַלֵיין אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט אַ שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, נָאר זַיין זוּן אֲחַזְיָהוּ אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן, אוּן אֲחַזְיָהוּ אִיז גֶעוָוארְן מֶלֶךְ, עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע רָשָׁע אוּן עֶר הָאט מַחֲטִיא גֶעוֶוען דִי אִידְן, אֲחַזְיָהוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט יְהוֹרָם דֶער זוּן פוּן אַחְאָב [זַיין פֶעטֶער אָדֶער קָאזִין] אוֹיף אַ מִלְחָמָה קֶעגְן חֲזָאֵל דֶער קֶענִיג פוּן אֲרָם, אוּן יְהוֹרָם בֶּן אַחְאָב אִיז פַארְוואוּנְדֶעט גֶעוָוארְן אִין דִי מִלְחָמָה, אוּן אֲחַזְיָהוּ אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין, דָארְט הָאט אִים גֶעפוּנֶען יֵהוּא בֶּן נִמְשִׁי, וָואס השי"ת הָאט אֶים גֶעזַאלְבְּט אַלְס מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל [דוּרךְ אֱלִיָּהוּ הַנָּבִיא] אַז עֶר זָאל אוֹיסְ'הַרְגְ'נֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן אַחְאָב, אוּן עֶר הָאט גֶעהַרְגֶעט יְהוֹרָם אוּן אֲחַזְיָהוּ.

**וָוען** אֲחַזְיָהוּ בֶּן יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה [וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ רָשָׁע] אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן הָאט זַיין מַאמֶע עֲתַלְיָהוּ אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט אַלֶע קִינְדֶער פוּן מַלְכוּת בֵּית דָּוִד [אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִירֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער] אוּן דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן אֲחַזְיָהוּ וָואס הָאט גֶעהֵייסְן יְהוֹשַׁבְעַת [דִי פְּרוֹי פוּן יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן] הָאט גֶענוּמֶען יוֹאָשׁ דֶער זוּן פוּן אֲחַזְיָהוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, אוּן זִי הָאט אִים בַּאהַאלְטְן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שְׁטָאק הֶעכֶער דִי קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים פַאר אַ מֶשֶׁךְ פוּן זֶעקְס יָאר.

**וָוען** דָאס קִינְד יוֹאָשׁ אִיז אַלְט גֶעוָוארְן זִיבְּן יָאר, הָאט יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן צוּזַאמֶען גֶערוּפְן אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן מֶען הָאט גֶעקְרוֹינְט דֶעם אִינְגֶעלֶע יוֹאָשׁ אַלְס מֶלֶךְ יְהוּדָה, אוּן מֶען הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט עֲתַלְיָהוּ. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עֲבוֹדָה זָרָה מד א), אַז מֶען הָאט אֶים אָנְגֶעטוּן דִי קְרוֹין פוּן זַיין זֵיידֶע דָּוִד הַמֶּלֶךְ, וָואס דָאס הָאט גֶעוואוֹיגְן אַ גַאנְצֶע כִּכַּר גָאלְד, אוּן עֶס הָאט אִים גֶעפַּאסְט פּוּנְקְט וַוי עֶס הָאט גֶעפַּאסְט פַאר דָּוִד הַמֶּלֶךְ. אוּן יוֹאָשׁ הַמֶּלֶךְ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ תֵּיבָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אִין דִי קָאסְטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט דִי הָאלְבּ חָרוּב גֶעוָוארֶענֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען זַייט דִי צֵייט וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט דִי חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ.** - עֶס שְׁטֵייט אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט דִי חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ צְוִוישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּר, אוּן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד הָאבְּן אַלֶע אִידְן גֶעגֶעסְן אִין יֶענֶער יוֹם כִּפּוּר, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

אִיז מְזֻמָּן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא" (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי מְלָכִים א רמז קצג), אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גְלַייךְ אִין גַּן עֵדֶן אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אַז וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי לְוָיָה פוּן רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ אִיז מְזֻמָּן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא (כתובות קג ב, וְעַיֵּן תּוֹסְפוֹת שָׁם ד"ה מְזֻמָּן דְּהַיְנוּ בְּלִי דִין וְחֶשְׁבּוֹן). אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי גֶעלְט פַארְן אִיבֶּערְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִין דִי צַייט פוּן יוֹאָשׁ הַמֶּלֶךְ.

**וֶוען** מֶען זֶעהְט אֵיין אוּן מֶען אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס גֶעהֶערְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אָדֶער פַארְדִינֶען דוּרְךְ אֵייגֶענֶע אַרְבֶּעט, בְּרֶענְגְט דָאס אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע רוּאִיגְקֵייט אוּן הֶעכֶערֶע שִׂמְחָה. אָט דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, דִי אִידְן הָאבְּן אַנֶערְקֶענְט אַז אַ מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ אִיז נָאר הַאלְבּ, אוּן נָאר מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף קֶען מֶען אָנְקוּמֶען דָארְט וואוּ מֶען וִויל אוּן דֶער אַנֶערְקֶענוּנְג הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

## בִּשְׁעַת דִי קְרִיאָה – מְעוֹרֵר זַיין דִי גְאוּלָה

**אוּן** אוֹיף דֶעם זֶענֶען מִיר מִתְפַּלֵּל, אַז בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה אוּן דִי גְרוֹיסֶע סְגוּלָה פוּן בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אוֹיף צוּ קוֹיפְן קָרְבָּנוֹת אוּן פַאר בֶּדֶק הַבַּיִת.

**לַיידֶער הָאבְּן אוּנְז נִישְׁט הַיינְט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן קַיין קָרְבָּנוֹת תְּמִידִין אוּן קַיין מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, אִיז אָבֶּער כְּדַאי אַז וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס דִי קְרִיאָה פוּן שְׁקָלִים זָאל מֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן זִיךְ מְעוֹרֵר צוּ זַיין צוּ דִי גְלוּסְטֶענִישׁ אוּן בֶּענְקֶענִישׁ צוּ בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ אוּן בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דָאס וֶועט וֶוערְן פַארְרֶעכְנְט פַאר אוּנְז אַזוֹי וִוי מִיר וָואלְטְן גֶעבּוֹיעֶט דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.**